בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

זָאל מֶען אַײנְקוֹיפְן קְלֵיידוּנְג פוּן פָארְאוֹיס?.........................א

קֶען אִיךְ נֶעמֶען דִי קָארָאנֶע וַואקְסִין?.........................ב

וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מַצְלִיחַ אִין דִי שִׁיעוּר עִיּוּן וָואס
מֶען לֶערְנְט אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה?.........................ג

זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל עֶנְדִיגְן שַ"ס, אָדֶער נָאךְ אַ
מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל?.........................ו

אִיז נָאךְ דָא פַאר מִיר אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן שְׁמוּץ?.........ז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, נָאר מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן .................א

אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס דַיינֶע
קִינְדֶער צוּ דַאוֶונֶען.........................ד

דִי פְּלֶעי אִיז אַ שְׁטִיק 'הֲפָצָה' .........................ה

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה ........ו

מֶען מוּז נֶעמֶען דִי קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל דַאוֶונֶען .................ז

מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם.........................ח

בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אָנְגֶעטוּן אִין בִּגְדֵי שַׁבָּת צוּם מַעֲמָד הַכְּתָּרָה...ט

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט גֶעהָאלְפְן
וֶוערְן בַּיי זַיין צִיּוּן.........................י

דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז שׁוֹין פוּל פַאר דָאס יָאר ...................... יא

נֶעמְט אַייךְ פָּאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ......................יב

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן ...יב

וִוי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן, קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן............. טו

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שֵׁיינֶע וֶוערְטְן .............................. טו

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן .. טז

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן טְרָאגְן עֶסְן
אִין שְׁפִּיטָאל פַאר קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן ..................................יז

הֲפָצָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן ..........................................יח

אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער, קֶען מֶען אִיבֶּערְפְרֶעגְן ....כ

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע נַייעֶס ..........................כ

גֵיי מִיט מוֹחִין דְגַדְלוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע .................. כא

מֶען דַארְף הָאבְּן מֶער זְכוּתִים אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם.... כא

דַיינֶע שְׁאֵלוֹת זֶענֶען קְלָאר גֶעשְׁרִיבְּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ..............כב

אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען אַלֶעס מְתַקֵן .......................... כג

מַגִּיהַ זַיין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער .............................כד

אָנְגֵיין וַוייטֶער אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט וִוי קֵיינֶער דַארְף דִיר נִישְׁט ....כה

וֶוער דַארְף דִי בְּרִיוו? וָואס שְׁטֵייט דֶען אִין דִי בְּרִיוו? ...............כו

אַ תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי תְּפִלָּה דֶערוֹיף
צוּ זָאגְן אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל ..........................................כז

עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער אוּן אַן עֶרְלִיכֶער ............................. לא

פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר, נִישְׁט נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן ...לב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## זָאל מֶען אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידוּנְג פוּן פָּארְאוֹיס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, דָאס אִיז מַיין לוּפְט צוּם לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ מִיט דִי גוּטֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ וִויל אוּן אִיךְ טְרַאכְט. אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט צְוֵויי מַסֶכְתּוֹת.

מִיר וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מַיין מַאמֶע זָאגְט אַז מֶען קוֹיפְט גָארְנִישְׁט קַיין קְלֵיידֶער פוּן פָּארְאוֹיס, אָבֶּער מַיין שְׁוִויגֶער פְלֶעגְט יָא אַיינְקוֹיפְן פָּארְאוֹיס, ווִילְן מִיר וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם. עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן זֵיי, עֶס אִיז נָאר אַז מִיר ווִילְן פָּשׁוּט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי טֶעג, וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ' - דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט בְּרְמַ"ח אֵבָרִים וְשְׁסָ"ה גִּידִים, אַלֶעס זָאל גֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.**

**אוֹיךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אִין דִי טֶעג זָאל מֶען זָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים,**

וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכ׳ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; מֶען זָאגְט נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען קֶען פוּן אוֹיסְנְווייניג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ, יַעֲקֹב אָבִינוּ, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"ש; בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גְרִינְג, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳".

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן פָּארְאוֹיס; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּלִיב עַיִן הָרָע.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### קֶען אִיךְ נֶעמֶען דִי קָארָאנֶע וַואקְסִין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יֶעצְט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶס אַז אוּקְרֵיינֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְלַאנְגֶען אַז אוֹיב מֶען ווִיל אַרַיינְקוּמֶען בַּיי זֵיי אִין לַאנְד דַארְף מֶען הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי קָארָאנֶע וַואקְסִין. אָדֶער דַארְף מֶען זִיךְ דָארְט זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן פַאר צֶען טֶעג.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אָבֶּער אִיךְ הָאב זֵייעֶר מוֹרָא צוּם נֶעמֶען דֶעם וַואקְסִין, מֶענְטְשְׁן שְׁרֶעקְן אָן אַז עֶס קֶען מַאכְן אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען; עֶס קֶען שָׁאטְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן נָאךְ, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶעט מִיר אָבֶּער אוֹיס אַז אָן דִי וַואקְסִין וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב

דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן וָואס צוּ טוּן, אָדֶער אוֹיב אִיךְ קֶען נֶעמֶען דֶעם וַואקְסִין אוּן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאל מִיר אָנְוואוּנְטְשְׁן אַז עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ נֶעמֶען דִי וַואקְסִין; קֶענְסְט עֶס נֶעמֶען, עֶס שָׁאט נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

**וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מַצְלִיחַ אִין דִי שִׁיעוּר עִיּוּן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין אוּנְזֶער יְשִׁיבָה?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פֶערְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס אִיז נִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל פַאר מְצֻיָּנִים, אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע יְשִׁיבָה; אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה לֶערְנְט מֶען דָא אַסַאךְ עִיּוּן אוּן פִּלְפּוּל מִיט עֶטְלִיכֶע מְפָרְשִׁים, אוּן וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר מִיטְצוּהַאלְטְן אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן לִימוּדִים, שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען דֶערְצוּ.

אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אוּן אֶפְשָׁר אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין דָא וַוייטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אַזוֹי גֵייט עֶס אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק; מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶערְנֶען, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם, מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אָן קַיין גֶעשְׁמַאק, אָן גֶעפִיל, מֶען לֶערְנְט ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן - וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ זִיס דִי תּוֹרָה, בִּיז מֶען וִויל שׁוֹין נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אַן עֵצָה טוֹבָה - דוּ זָאלְסְט צֶעטֵיילְן דַיין טָאג אוּן צְוֵויי; קוֹדֶם זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן מִיט הַאלְטְן דִי סֵדֶר הַיְשִׁיבָה, נֶעם דִי מַסֶכְתָּא וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אוּן חַזֶר דָאס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו).

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִין גְמָרָא; הֵייבּ אָן פוּן אָנְהֵייבּ, גֵיי אִין אַ סֵדֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא; דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, זָאג דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, שָׁם): ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין״, מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, ״וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין״, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַליין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, ״וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ״, אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵויטְן מָאל אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם

צְווייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווָאס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין ווָאס מֶען לֶערְנְט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין ווֶען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען ווֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

ווֶען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי ווֶען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע ווָארְט, ווָאס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, ווֶעט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר ווֶעט זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער

רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אָדֶער נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מִיר מַמָשׁ מְחַיֶה, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאב מְסַיֵים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית אוּן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת חֲגִיגָה, אוּן אִיךְ גֵיי אִם יִרְצֶה הַשֵׁם עֶנְדִיגְן דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ דִי פוּפְצְנְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל נֶעמֶען נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אָדֶער זָאל אִיךְ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס? אִיךְ ווִיל עֶנְדִיגְן אַ צְוֵוייטֶע מָאל שַׁ"ס פַאר אִיךְ וֶוער פֶערְצְן יָאר אַלְט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךְ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךְ אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען צְוֵויי מַסֶכְתּוֹת מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד, בְּנוֹסָף - דַיינֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דַיין הַתְמָדָה דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה אוֹיף אֵייבִּיג.

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ טוּן, לֶערְנֶען נָאכְאַמָאל שַׁ"ס

אָדֶער נֶעמֶען אַ דְרִיטֶע מַסֶכְתָּא און דָאס לֶערְנֶען און חַזֶר'ן מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד; בֵּיידֶע וֶועגְן אִיז גוּט, עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ דְרִיטֶע מַסֶכְתָּא און דָאס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, אוֹיךְ אִיז גוּט זָאלְסְט עֶנְדִיגְן נָאכְאַמָאל שַׁ״ס; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ טוּן וָואס עֶס צִיט דִיר מֶער, אוֹיב צִיט דִיר יֶעצְט צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ״ס אַ צְוֵוייטֶע מָאל זָאלְסְטוּ דָאס טוּן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּ טוּן מִיט לֵצִים; טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, דוּ טוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, לֶערְן גְמָרָא כְּסִדְרָן אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל; דִי בְּלֶעטֶער גְמָרָא וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): ״גְּמָרָא גְמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא״; טַייטְשְׁן דִי צַדִיקִים: ״גְּמָרָא גְמוֹר״ - דוּרְךְ זָאגְן גְמָרָא, דֶעמָאלְט ״זְמוּרְתָּא תְּהֵא״ - פַארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס ווילְן שְׁלֶעכְטְס טוּן פַאר דִי נְשָׁמָה הַקְדוֹשָׁה, ״זְמוּרְתָּא תְּהֵא״ אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן ״לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקוֹצִים הַסוֹבְבִים אֶת הַשׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה״, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְן אַלֶע קְלִיפּוֹת פַארְבְּרֶענְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אִיז נָאךְ דָא פַאר מִיר אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן שְׁמוּץ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר, אָבֶּער אִיךְ מוּז שְׁרַייבְּן.

דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאגְט אַסַאךְ מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אָפְּגֶעהִיטְן אִין מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן", וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן? אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן.

דֶער ראֹש יְשִׁיבָה זָאגְט: "יֶעדֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר טְרַאכְט 'אִיךְ גֵיי זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ

הֵייב אָן פוּן יֶעצְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'", אִיךְ הָאבּ דָאס אָבֶּער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַנְדֶערֶע זַאכְן בַּיי מַיין בַּר מִצְוָה. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'אִיךְ וֶוער שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶער בָּחוּר, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין מֶעכְטִיג', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אִיךְ גֵיי זַיין אַ צַדִיק.

אַלֶע יָארְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי אַ בָּחוּר הָאט אַ טֶעלֶעפָאן, הָאבּ אִיךְ אַלְץ מְקַנֵא גֶעוֶוען, אַלְץ גֶעוָואלְט אַרַיינְקוּקְן אוּן זֶען דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס עֶר זֶעט, בִּיז אִיךְ בִּין אַלֵיין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

מַיין מַאמֶע הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז זִי לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער דָאס אָנְרִירְן, אוּן עַד הַיוֹם ווֵייסְט זִי נִישְׁט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף אִיר טֶעלֶעפָאן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אַלְץ וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעהַאט אַ וֶועג צוּ קוּקְן עֶפֶּעס וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, בִּין אִיךְ גֶעלָאפְן.

בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער מַיין קָאפּ שְׁטֵייט מִיר וַוייט פוּן גְרָאד. אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוּנְטֶער עֶפֶּעס אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט לוֹיף אִיךְ קוּקְן, אֲפִילוּ אִיךְ ווֵייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט, אֲפִילוּ אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אָבֶּער אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין דֶעם אַז מַיין קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן טוּמְאָה, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אִיז דָא אוֹיךְ פַאר מִיר אַ וֶועג אִיךְ זָאל אוֹיסְמֶעקְן פוּן מַיין קָאפּ אַלֶע אַלְטֶע שְׁמוּץ אוּן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ לֶעבְּן, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פַאלְן אוּן פַאלְן, אִין דִי צַייט וֶוען אִיךְ זֶע אוֹיס ווִי אַ חֲסִידִי'שֶׁער, אַ פְרוּמֶער, אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן מִיר אַלֵיין אָבֶּער נָאךְ מֶער דַארְף אִיךְ זִיךְ שֶׁעמֶען נִישְׁט צוּ בֶּעטְן הִילְף; אַסַאךְ מָאל טְרַאכְט אִיךְ 'וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאל וֶוען ווִיסְן וָואס אִיךְ טוּ אוּן וָואס אִיךְ קוּק - וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט מִיר'.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְשֶׁעמְט, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ זֵייעֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר נֶעמְט זִיךְ פָּאר אַז עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּא, הֶעכֶער וִוי אַלֶע צַדִּיקִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה קוּמֶען אָן אִין אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ וואו צַדִּיקִים קֶענֶען זַיין; ווייל זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְכַאפְּט בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶערִיסְן אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס תְּשׁוּבָה אִיז; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, ה): "אֲפִילוּ עוֹמֵד אָדָם וְעוֹשֶׂה גְדִישִׁין שֶׁל עֲבֵירוֹת", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן בֶּערְג פוּן עֲבֵירוֹת, "אוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יַעֲשֶׂה אָדָם תְּשׁוּבָה וַאֲנִי מוֹחֵל לוֹ", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל אִים מוֹחֵל זַיין, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט הוֹשֵׁעַ, תקלב): "בְּנֹהַג שֶׁבָּעוֹלָם, אָדָם הַמְבַזֶּה אֶת חֲבֵרוֹ בָּרַבִּים", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשֶׁעמְט אֵיינֶעם בָּרַבִּים, "וּלְאַחַר זְמַן מְבַקֵּשׁ לְרַצּוֹת אוֹתוֹ", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט ווִיל עֶר יֶענֶעם אִיבֶּערְבֶּעטְן, "הוּא אוֹמֵר", וֶוען עֶר בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער, זָאגְט דֶער וָואס אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן: "אַתָּה מְבַזֶּה לִי בָּרַבִּים וּמִתְרַצֶּה לִי בֵּינִי לְבֵינְךָ", דוּ הָאסְט מִיר פַארְשֶׁעמְט בָּרַבִּים אוּן יֶעצְט בֶּעטְסְטוּ מִיר אִיבֶּער פְּרִיוָואט?! "לֵךְ וְהָבֵא אוֹתָם אֲנָשִׁים שֶׁבִּזִּיתַנִי בִּפְנֵיהֶם", בְּרֶענְג דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט וִוי דוּ הָאסְט מִיר פַארְשֶׁעמְט, "וַאֲנִי מִתְרַצֶּה לָךְ", נָאר אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיר מוֹחֵל זַיין, "אֲבָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֵינוֹ כֵּן", אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "אֶלָּא אָדָם עוֹמֵד וּמְחָרֵף וּמְגַדֵּף בַּשּׁוּק", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעלֶעסְטֶערְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין גַאס, אַלֶע

הָאבְּן גֶעהֶערְט וְוי עֶר רֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ", זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "עֲשֵׂה תְּשׁוּבָה בֵּינִי לְבֵינְךָ וַאֲנִי מְקַבֶּלְךָ", בֶּעט מִיר אִיבֶּער, אֲפִילוּ פְּרִיוַואט, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר מוֹחֵל זַיין.

זַיי נִישְׁט מְיוּאָשׁ, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַזוֹיפִיל מָאל, דַיין מֹחַ אִיז דִיר פַארְדְרֵיידְט, דַיין קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין פַאלְן; הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ קֶענְסְט נָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן - וֶועסְטוּ קוּמֶען אַזוֹי הוֹיךְ, בִּיז'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט מֶען אָן בִּיז'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט הוֹשֵׁעַ, שָׁם): "מִנְהָגוֹ שֶׁל עוֹלָם, אָדָם יוֹרֶה חֵץ, כַּמָּה מַהֲלָךְ", וֶוען מֶען שִׁיסְט אַ פַייל, וְוי וַוייט קֶען דָאס פְלִיעֶן? עֶס קֶען פְלִיעֶן אַזוֹי וַוייט וְוי אַ בֵּית כּוֹר אָדֶער כּוֹרִים, "כַּמָּה גָדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה, שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", אָבֶּער וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט מֶען בִּיז'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ יד, ב): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ".

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ גֶעטוּן, וואוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן; דֶערְצֵייל אִים וְוי דוּ הָאסְט גֶעקוּקְט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְצֵייל אִים וְוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט שׁוֹין אִין קָאפּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט אִין תְּהִלִּים, אִינֶעם קַאפִּיטְל פוּן תְּשׁוּבָה (נא): "לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ נֵייעֶ הַארְץ, "וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי", אַ נֵייעֶ גֵייסְט, אַ רֵיינֶע גֵייסְט - בַּאשַׁאף אִין מִיר; קוּק אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי קַאפִּיטְל וְוי דָוִד הַמֶּלֶךְ טוּט תְּשׁוּבָה, וְוי עֶר בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאג דִי קַאפִּיטְל, לֵייג אַרַיין דִי וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, מֶעק אוֹיס מַיינֶע זִינְד,

׳הֶרֶב כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֹנִי׳, וַואשׁ מִיר אַסַאךְ אָפּ פוּן מַיינֶע זִינְד, ׳וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי׳, רֵיינִיג מִיר פוּן מַיין עֲבֵירָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל, ׳כִּי פְשָׁעַי אֲנִי אֵדָע׳, וַוייל אִיךְ וֵויס מַיינֶע זִינְד, ׳וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד׳, מַיינֶע זִינְד שְׁטֵייעֶן פַאר מִיר אַ גַאנְצְן צַייט, אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג חֲרָטָה דֶערוֹיף, דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, ׳הַסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵחֲטָאָי׳, קוּק נִישְׁט אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, ׳וְכָל עֲוֺנֹתַי מְחֵה׳, מֶעק זֵיי אוֹיס; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן, ׳לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים׳, בַּאשַׁאף מִיר אַ נֵייעֶם הַארְץ, ׳וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי׳, אַ נֵייעֶ גֵייסְט גֶעבּ מִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן; מַיין אַלְטֶע קָאפּ, מַיין אַלְטֶע הַארְץ אִיז אַזוֹי פַארְשְׁמִירְט, אִיךְ דַארְף אַ נֵייעֶ הַארְץ, ׳אַל תַּשְׁלִיכֵנִי מִלְּפָנֶיךָ׳, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וַוארְף מִיר נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר, גֶעבּ מִיר נָאךְ אַ שַׁאנְס, ׳וְרוּחַ קָדְשְׁךָ אַל תִּקַּח מִמֶּנִּי׳, נֶעם נִישְׁט אַוֶועק פוּן מִיר דַיין הֵיילִיגְקֵייט, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער; וְוִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר פַאל אִיךְ צוּרִיק, מַיין קָאפּ אִיז מִיר אַזוֹי פַארְדְרֵיידְט״.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הֶערְט דִיר אוֹיס, עֶר וַוארְפְט דִיר נִישְׁט אַוֶועק אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ יֶעדֶע מַעֲשֶׂה, דִיבּוּר אוּן מַחֲשָׁבָה דַיינֶע.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט דִיר וֶוען זֵיי וֵוייסְן וֶוער דוּ בִּיסְט, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר – ״אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל; הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, וֶוער עֶס וִויל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים; אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶם הַארְץ, אַ נֵייעֶם קָאפּ אוּן אַ נֵייעֶם מֹחַ, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

זֶע צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳,

סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; תְּהִלִּים וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען דוּ זָאלְסְט קֶענֶען שְׁטֵיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט צוּרִיק פַּאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, נָאר מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי שַׁארְף גֶעזָאגְט, וִוי מֶעג מֶען לָאזְן אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת? אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ דֶערְטְרוּנְקְט זִיךְ אִין וַואסֶער, וֶועסְטוּ אוֹיךְ טְרַאכְטְן דִי צֶעדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן 'מִי אָנֹכִי? וֶוער בִּין אִיךְ דֶען? בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי יֶענֶעם אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן? הָאבּ אִיךְ דֶער רְשׁוּת?' אוֹיף דֶעם זָאגְן שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה כא:) אַז דָאס אִיז אַ חָסִיד שׁוֹטֶה.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶער אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעשְׁטָאכְן, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּב, מֶען זֶעט אִים נִישְׁט פַאר דִי אוֹיגְן; הֲיִתָּכֵן מֶען זָאל נִישְׁט יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין?! יֶענֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר?!

דָאס אִיז שׁוֹין נָאכְן זָאגְן זָאגְן אוּן זָאגְן אוּן זָאגְן אַז דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאס בַּאפוֹילְן צוּ טוּן; נוּ וואוּ קוּמְט אַרַיין דִי צֶעדְרֵייטֶע מַחֲשָׁבָה 'מִי אָנֹכִי? בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי?' דָאס אִיז אַ סִימָן אַז מֶען שְׁטוּנְקְט פוּן גַּאֲוָה פוּן קָאפּ בִּיז פוּס, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן, מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, מִיר שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, מִיר שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם פוּן זַיין מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס זָאלְן מִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן?

זָאג דַיין וַוייבּ עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד,

׳יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה׳ בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ, ׳אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ׳״, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט אֵיינֶער, זָאל זַיין וֶוער עֶס זָאל זַיין, זָאל מִיר זָאגְן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, ״הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ״, וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט נָאכְמֶער כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ״ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם״, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער עֶס זָאל מִיר דָאס זָאגְן.

מוּסָר זָאגְן - דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין רָאוּי, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען זָאגְן ׳מוּסָר׳. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): ״אַף עַל פִּי שֶׁתּוֹכָחָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל״, כָאטְשְׁיג מוּסָר זָאגְן אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, ״אַף עַל פִּי כֵן לָאו כָּל אָדָם רָאוּי לְהוֹכִיחַ״, - אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער קֶען גֶעבְּן מוּסָר, וַוייל אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט רָאוּי קֶען מֶען עֶרְגֶער מַאכְן, נָאר וֶוער עֶס קֶען זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין דִי אִידְן, נָאכְן זִינְדִיגְן בַּיים עֵגֶל הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט (גִּיטִין לו:): ״עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ, אָבֶּער חִיזּוּק - דָאס מֶעג יֶעדֶער גֶעבְּן אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער גֶעבְּן.

עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מְחַזֵּק צוּ זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, בִּפְרַט אַז מֶען בּוֹיט אַ שְׁטָאט עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אוּמְקוּקְן אֵיינֶער אוֹיפ׳ן צְוֵוייטְן, אֶפְשָׁר אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה? אֶפְשָׁר דַארְף אֵיינֶער אַ גוּטֶער חָבֵר? אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ יֶענֶעם מְחַזֵּק זַיין? דִי מֶענֶער דַארְפְן טְרַאכְטְן פוּן דִי מֶענֶער אוּן בַּיי דִי פְרוֹיֶען - פוּן דִי פְרוֹיֶען; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין רְשׁוּת צוּ מְחַזֵּק זַיין, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין עֶפֶּעס וֵוייס אִיךְ וָואס, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן פוּן יֶענֶעם, יֶענֶער דַארְף עֶסְן, יֶענֶער דַארְף אַ חָבֵר, יֶענֶער דַארְף אַ גוּט וָוארְט; דָא קוּמְט נִישְׁט אַרַיין ׳מִי אָנֹכִי, וֶוער בִּין אִיךְ? בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי?!׳ דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַּאֲוָה.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, בַּיי דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאוֹת טְרַאכְט מֶען נִישְׁט ׳מִי אָנֹכִי? דַארְף אִיךְ דֶען אַ הוֹיז? דַארְף אִיךְ דֶען אַ קַאר? דַארְף אִיךְ דֶען עֶסְן? בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי?!׳ וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט רֶעדְן

און מְחַזֵק זַיין אַנְדֶערֶע? אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט און אִיךְ וֶועל וַוייטֶער פָאלְגְן. מִיר גֵייט נִישְׁט אָן אוֹיבּ אִיךְ בִּין יָא רָאוּי אָדֶער נִישְׁט; אִיךְ וֵוייס גָאר גוּט וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ טוּ מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל דָאס זַיין פַאר מִיר אַ תִּיקוּן; וָואס אִיז נוֹגֵעַ וֶוער אִיךְ בִּין? וָואס אִיךְ בִּין? אַז מֶען קֶען אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֶעס כְּדַאי.

מוֹהֲרָא"ש בְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דִי וָוארְט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, לַיידְט זִיךְ אָפּ זִיבֶּעצִיג יָאר צָרוֹת צְרוּרוֹת, לוֹינְט זִיךְ עֶס אוֹיבּ מֶען קֶען אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ אִיד"; דָאס אִיז אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת, מֶען קֶען יֶענֶעם פַארְרֶעכְטְן אַ לָאךְ אִינֶעם רֶעדְל, עֶפֶענֶען זַיין טִיר, אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן דִי קַאר פוּן שְׁנֵיי, בְּלָאטֶע; כָּל שְׁכֵּן וְכָל שְׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַלֵיין, דֶערְבִּיטֶערְט, און מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט, מֶען שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה; יֶענֶער הֵייבְּט אָן לֶעבְּן.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִיר אַזֶעלְכֶע צָרוֹת און יִסוּרִים, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן לַיידְן זִיךְ צַאם שְׁטִילֶערְהֵייט; אַז אַ פְרוֹי קוּמְט אַרִיבֶּער, רוּפְט אָן, נֶעמְט אַרוֹיס וְכוּ' וְכוּ', אִיז דָאס דָאךְ אַזַא מִצְוָה, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן פַאר דֶעם.

וִויפִיל קֶען אֵיין מֶענְטְשׁ טוּן? וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט מִיט מִיר אַפָּאר תַּלְמִידִים וְתַלְמִידוֹת וָואס וָואלְטְן גֶעדֶענְקְט צוּ אוֹיפְהֵייבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; גֶעדֶענְקְט, גֶעטְרַאכְט פוּן דִי וָואס דַארְפְן חִיזוּק - וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶעבְּט, אַלֶע וָואלְטְן גֶעהַאט חַיּוּת; הֱיוֹת אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צַייט אָנְצוּרוּפְן יֶעדְן, נָאכְלוֹיפְן יֶעדְן - פַּאסִירְט וָואס פַּאסִירְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס נָאר וַוייל אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט; מִשְׁפָּחוֹת שְׁטֵייעֶן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, זֵיי שְׁפִּירְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען; אַנְשְׁטָאט זֵיי מְחַזֵק זַיין - מַאכְט מֶען זֵיי מְשׁוּגָע: 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט דָאס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט יֶענְץ'; בַּיי דֶעם וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט פְרֶעגְן רְשׁוּת, פַאר מֶען זָאגְט אַרוֹיס אַ וָוארְט מוּסָר פוּן מוֹיל.

אַ אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, זַיין וַוייבּ קוּקְט אַ גַאנְץ יָאר אַרוֹיס צוּ

קוּמֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל, זִי ווִיל זַיין מִיט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קְהִילָה; דִי עֶרְשְׁטֶע קַבָּלַת פָּנִים קוּמְט אִיר אַ פְּרוּי אַנְטְקֶעגְן מִיט מוּסָר: "דוּ טוּסְט אָן דַיינֶע קִינְדֶער אַזוֹי? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט!" אַ מִינוּט שְׁפֶּעטֶער: "דוּ גֵייסְט אַזוֹי אָנְגֶעטוּן? דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לָאזְט נִישְׁט!" דֶער אִינְגֶערְמַאן קוּמְט אַהֵיים, עֶר זֶעט זַיין ווַייבּ ווֵיינְט, זִי זָאגְט אִים: "נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלַאץ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין מִיט דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן".

גֶערֶעכְט אִיז זִי, אִיךְ ווָאלְט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין מִיט אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן; בַּיי דֶעם פְּרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין רְשׁוּת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט 'מִי אָנֹכִי?' מֶען שְׁטֶעכְט, מֶען פְּלִיקְט, מֶען הָאט אַ קְלֵיינֶע שַׁארְפֶע מֶעסֶער ווָאס הֵייסְט 'רֹאשׁ יְשִׁיבָה' אוּן מֶען טֵיילְט דֵעוֹת. ווֶער הָאט גֶעבֶּעטְן זָאגְן יֶענֶעם? ווֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת צוּ מוּסָרְ'ן? ווִילְסְט רֶעדְן? רֶעד חִיזוּק, רֶעד גוּטֶע ווֶערְטֶער, נֶעם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט גוּטֶע ווֶערְטֶער.

ווַאוֹיל אִיז דֶעם ווָאס גֶעבְּט גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר אַנְדֶערֶע, אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אוּן טְרַאכְט פוּן אַלֶעמֶען; אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמַּצִּיל נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא".

...

### אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער ווִי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דִיר, אִיךְ זֶע דַיין הִתְנַהֲגוּת ווִי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ שַׁבָּת אִין שׁוּל, ווִי דוּ הַאלְסְט דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען; דַיינֶע קִינְדֶער זִיצְן נֶעבְּן דִיר דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ'ן סוֹף, דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַזוֹי אָפּ מִיט זֵיי, אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ!

אִיךְ ווֵייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, דָאס אִיז פוּן דִי עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת שֶׁבַּמִּקְדָּשׁ; בִּפְרָט אַ אִינְגֶערְמַאן ווִי דוּ ווָאס דוּ אַרְבֶּעסְט בִּיטֶער שְׁווֶער אַ

גַאנְצֶע וָואךְ, מֵהַבֹּקֶר עַד צֵאת הַנְּשָׁמָה, דוּ בִּיסְט גוּט פַּארְיָאגְט, דוּ בִּיסְט מְקַיֵּים דֶעם שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ; וָואלְסְטוּ זִיךְ גֶעקֶענְט פַּטְרְ'ן שַׁבָּת פוּן אַלֶעס, וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט זִיצְן אִין שׁוּל אוּן לָאזְן דִי קִינְדֶער אַרוּם לוֹיפְן וְכוּ', דָאךְ הָאסְטוּ דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי דַאוֶוענֶען; אִיךְ בַּאוואוּנְדֶער דִיר.

הַלְוַאי זָאלְן אַלֶע אַזוֹי טוּן; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ אִינְגֶעלַייט וֶועלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִיר, מֶען וֶועט אֲוֶועקְלֵייגְן דִי בַּאקְוֶועמֶע מִינוּטְן פוּן זִיצְן אַבִּיסְל רוּאִיג, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָתִיד.

אַז מֶען וִויל - קֶען מֶען דָאס מַאכְן אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען קֶען מִיטְבְּרֶענְגֶען קְלֵיינֶע צוּקֶערְלֶעךְ, נַאשׁ וְכַדוֹמֶה, אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי אַ צוּקֶערְל; יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט גֶעבְּט מֶען נָאךְ אַ שְׁטִיקְל נַאשׁ, אַזוֹי קֶען מֶען זֵיי הַאלְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט גֶעשְׁמַאק, אָן דְרוּק.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן גֶעזוּנְט.

...

### דִי פְּלֶעי אִיז אַ שְׁטִיק 'הֲפָצָה'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט דִי מוֹסְדוֹת מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת דִקְדֻשָּׁה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי דִי פְּלֶעי וָואס "בֵּית פֵיגָא" טוּט פַארְשְׁטֶעלְן. דִי פְּלֶעי אִיז אַ שְׁטִיק 'הֲפָצָה', טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן דָאס קוּקְן, סַיי בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אוּן נָאכְדֶעם פַארְשְׁפְּרֵייט מֶען דָאס בַּיי דִי הַייזֶער, מֶען וֶועט דָאס קוּקְן אוּן קוּקְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

אוֹיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מַאכְן דִי פְּרוּיעֶן צוּזַאמְקוּם בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְחַיֶ' זַיין אַ צְוֵוייטֶע אִיד, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דֶער וָואס אִיז מְחַיֶ' וּמְחַזֵק אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אִידִישֶׁע מַאמֶעס, אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן - זֵיי דַארְפְן דָאךְ אַזוֹיפִיל חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט.

עֶס אִיז אַזוֹי שַׁיין אַז בֵּיידֶע, מַאן אוּן וַוייבּ - אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֵיין בְּלַאט, בֵּיידֶע פוּן אַייךְ טוּעֶן פַאר אַנְדֶערֶע.

וִוי מֶער מֶען טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלְץ מֶער כֹּחַ אוּן מֹחַ הָאט מֶען.

...

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְזוֹימְט אַזוֹי לַאנְג, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן, אִיז דָאס מִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ.

וִויסְן זָאלְט אִיר, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט עֶר נֵיי גֶעבּוֹירְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין", אֵיינֶער וָואס טוּט תְּשׁוּבָה אִיז אוֹיף אַן הֶעכֶערֶע פְּלַאץ וִוי דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז אַן אוֹנֵס, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן וִוי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, הָאט מֶען דָאךְ וֶוערְטֶער אִין מוֹיל וָואס צוּ זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל פַאר דִי נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט וִוי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז פַאר'ן לֶעבְּן,

וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְגֶעסְן דִי אַלֶע זַאכְן אוּן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אִין מַיין לֶעבְּן, אִין מַיין חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע לֶעבְּן, וַואשׁ מִיר אָפּ".

דִי אַלֶע וָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אִין דִי יוּגֶענְט וָואס אִיז אָסוּר - הָאבְּן דָאךְ אַ פִּתְחוֹן פֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן יָא גֶעוּוִיסְט אוּן דָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן נִישְׁט גוּט, הָאבְּן אוֹיךְ אַ פִּתְחוֹן פֶּה, זֵיי קֶענֶען זָאגְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע; זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ טוּ, אוֹיף וָואס אִיךְ קוּק, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין וואוֹיל".

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, צֶעקְלַאפְּט אַייךְ נִישְׁט; אִיר זֶענְט זֵייעֶר חָשׁוּב, בַּיי מִיר זֶענְט אִיר פוּן דִי טֵייעֶרְסְטֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ וֶועל אַייךְ נָאךְ שְׁרַייבְּן.

...

### מֶען מוּז נֶעמֶען דִי קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל דַאוֶונֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זַיין זוּמֶער דָא אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ זֶען וִוי דוּ דַאוֶוענְסְט אוּן לֶערְנְסְט, מַמָשׁ אַ מְחַיֶ' דָאס צוּ זֶען, אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער כַאפְּן זִיךְ אַרַיין יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, דָאס גֶעבְּט מִיר צוּ גֶעזוּנְט אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

אִיךְ זֶע דוּ שְׁלֶעפְּסְט זִיךְ אַרָאפּ דַאוֶונֶען בַּיי מִיר דִי שַׁבָּת'דִיגֶע תְּפִילוֹת אָן דַיינֶע קִינְדֶער, ווִיל אִיךְ דִיר אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ דַאוֶונֶען נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וִוי אֵיידֶער קוּמֶען צוּ מִיר דַאוֶונֶען אָן דִי קִינְדֶער.

מֶען מוּז נֶעמֶען דִי קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, מֶען מוּז זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ דַאוֶונֶען; אַ גַאנְצֶע וָואךְ דַאוֶונֶען זֵיי אִין חֵדֶר דִי וָואכֶעדִיגֶע

דַאוֶונֶען, דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע דַאוֶונֶען דַארְף דֶער טַאטֶע אוֹיסְלֶערְנֶען, אַז מֶען לָאזְט זֵיי שַׁבָּת בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ זִיךְ שְׁפִּילְן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל וֶוען זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער.

דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער מִיט דִיר; עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶונֶען נֶעבְּן דַיין שְׁטוּבּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער וִוי אֵיידֶער קוּמֶען צוּ דִי וַוייטֶע שׁוּל אַלֵיין. הַאלְט זֵיי נֶעבְּן דִיר אַ גַאנְצְן דַאוֶונֶען, נֶעם מִיט דִיר קֶענְדִיס, נַאשׁ וְכַדוֹמֶה, אוּן וֶוען זֵיי זָאגְן שֵׁיין "אָמֵן", "בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ", "נַקְדִישָׁךְ", "קָדוֹשׁ", "כֶּתֶר", וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ צוּקֶערְל אוּן נָאךְ אַ צוּקֶערְל, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי זִיךְ צוּבִּיסְלִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶונֶען, זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם דַאוֶונֶען.

גֶעדֶענְק, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; גְרֶעסֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲבוֹדָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל דַיין טוֹבָה.

...

**מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנה): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטְן אִיד"; וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז אַזוֹי מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק; מֶען הֶערְט נַייעֶ זַאכְן, מֶען וֶוערְט גֶעוָואר אַז מֶען אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס גֶעבְּט כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וַוייטֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז ׳אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאר פַּאר מַיין טוֹבָה,

פַאר מַיין נִצְחִיוּת׳.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; טְרַאכְט נִישְׁט אַז נָאר דוּ בִּיסְט אַ גֶעשְׁלָאגֶענֶער, נִישְׁטָא קֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מֶען זָאל אִים נִישְׁט אוֹיסְפְּרוּבִּירְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; ווארל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן הָאט נִישְׁט קֵיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואו זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִים אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

בְּלַייב גֶעזוּנְט, אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אָנְגֶעטוּן אִין בִּגְדֵי שַׁבָּת צוּם מַעֲמָד הַכְּתָּרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, פַּרְשַׁת רְאֵה, וֶועט זַיין אַ פְּלֶעי דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת; דִי פְּלֶעי וֶועט זַיין זוּנְטָאג, מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג אִינֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּנְיָן אִין לִיבֶּערְטִי, זֶע צוּ בְּרֶענְגֶען דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס לוֹינְט זִיךְ אַלֶע גֶעלְט דָאס צוּ קֶענֶען מִיט הַאלְטְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ פָארְן פוּן שְׁטָאט דָאס צוּ זֶען.

זֵיי גֵייעֶן אוֹיפְשְׁפִּילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן בֶּן מֶלֶךְ אוּן בֶּן הַשִּׁפְחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא); זֵיי הָאבְּן שׁוֹין חֲזָקָה אַז דִי פְּלֶעיס וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן פָאר זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, פוּל מִיט תּוֹכֶן, פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן בַּאלֶערְנְד. הֶעלְף אַרוֹיס אִין שְׁטוּב, זֵיי מְסַדֵר אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דִי פְּלֶעי, זִי אוּן דוּ וֶועלְן הַנָּאָה הָאבְּן, דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועט פַארְדִינֶען פוּן דֶעם.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ לַאדֶענֶען צוּ דִי סְעוּדָה וָואס מִיר מַאכְן צוּ

דָאס אוֹיפְנֶעמֶען הָרַב רֶבִּי יוֹנָה שְׁלִיטָ״א זָאל זַיין דַיָּין פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה, אוּם זוּנְטָאג פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא; עֶס וֶועט פָארְקוּמֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה בִּנְיַן אִין לִיבֶּערְטִי.

פַאר מִיר אִיז דָאס אַ יוֹם טוֹב אוּן אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה; דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א לֶערְנְט בַּיי מִיר פוּן אַלְס קִינְד, פוּן דִי צְוֶועלְף יָאר; אַלֶע זַיינֶע יָארְן הָאט עֶר נָאר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ לַאדְן דִיר מִיט דַיין וַוייבּ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בְּרֶענְגֶען דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס וֶועט זַיין אַ פְּלַאץ פַאר דִי קִינְדֶער, דִי מְלַמְּדִים וֶועלְן זַיין מִיט זֵיי. זָאלְסְט אָנְטוּן דִי קִינְדֶער בִּגְדֵי שַׁבָּת, אִיךְ וִויל דִי קִינְדֶער זָאלְן מִיט הַאלְטְן דִי כָּבוֹד וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ פְּלַאץ צוּ זַיין מִיט אוּנְז אִינְאֵיינֶעם, יֶעצְט אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ. יֶעצְט קוּמֶען צוּ מִיר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אִיךְ זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן פְּלַאץ פַאר זֵיי, יֶעצְט אִיז שׁוֹין אַלֶעס פַארְדִינְגֶען; מֶען וֶועט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דָאס דַאוֶוענֶען, דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִיז אָפְן פַאר יֶעדְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מוֹהֲרַ״ש הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בַּיי זַיין צִיוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הֶער אַז אִיר הָאט זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אִינְאֵיינֶעם, אִיר פָארְט הַיינְט קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרַ״שׁ, וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בַּיי זַיין צִיוּן.

מוֹהֲרַ״שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרַ״שׁ, סִימָן ה): ״וּכְמוֹ בַּחַיִּים חַיּוּתִי נִתְעוֹרְרוּ עַל יָדִי אֲנָשִׁים בִּתְשׁוּבָה״, אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט זֶענֶען

דוּרְךְ מִיר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מֶענְטְשְׁן תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "כְּמוֹ כֵּן עַכְשָׁיו לְאַחַר הִסְתַּלְּקוּתִי לְעֵילָא כְּשֶׁיָּבוֹאוּ אֶל קִבְרִי יִתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵימָה", אַזוֹי אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועט מֶען אוֹיךְ נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, "וְיַמְשִׁיכוּ לְעַצְמָם יְשׁוּעוֹת וּפְלָאוֹת בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְאֶהְיֶה לָהֶם לְמֵלִיץ יוֹשֶׁר בַּשָּׁמַיִם, וְלֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט עַד שֶׁיִּהְיֶה לְמִי שֶׁבָּא אֶל קִבְרִי לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמוֹד יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה מִן הַשָּׁמַיִם", אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל פּוֹעֵלְ'ן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ יְשׁוּעָה.

זַייט מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן טוּן.

אִיר זָאלְט הָאבְּן אוֹיסְגֶע'פּוֹעֵלְ'ט אַלֶעס גוּטְס.

...

**דֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז שׁוֹין פוּל פַאר דָאס יָאר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, דֶער בִּנְיָן אִיז שׁוֹין פוּל; אַ שָׁאד אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְמַאנֶען זִיךְ אַזוֹי שְׁפֶּעט. יֶעדֶעס יָאר הָאבְּן מִיר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן צוּ נֶעמֶען אַ בֶּעט, מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן בַּאצָאלְן צוּ הָאבְּן אַ פְּלַאץ אִין אוּנְזֶער בִּנְיָן אִין אוּמַאן, בִּיז מֶען הֵייבְּט אָן פַארְדִינְגֶען פַאר פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אוּן עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶער קַיין פְּלַאץ.

וֶועסְט קֶענֶען קוּמֶען דַאוֶוענֶען; דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז אָפְּן פַאר אַלֶעמֶען, וֶוער עֶס ווִיל קֶען קוֹיפְן אַ זִיץ אוּן וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט קוֹיפְן קֶען אוֹיךְ קוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט אוּנְז, אָבֶער צוּ שְׁלָאפְן אוּן עֶסְן אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ הֵיי יָאר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה בַּיים צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן.

...

### נֶעמְט אַייךְ פָּאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע גְרוֹיסְן פוּן עֶנְק; מַיין גְרֶעסְטֶע פַארְגֶעניוּגְן אִיז צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת צְווִישְׁן אַייךְ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִיר זָאלְט שְׁפִּירְן בֶּעסֶער; נֶעמְט אַייךְ פָּאר צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט אָן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ; דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת; הֵייבּ אָן פוּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד - שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אוּן גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; אוּן אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דָאס דִיר זַיין שְׁוֶוער, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, מֶען קֶען נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן דֶעם מֹחַ אוֹיף וָואס מֶען לֶערְנְט, דִי קָאפּ פְּלִיט אַוֶועק; עֶס פְּלִיט, עֶס שְׁוֶועבְּט וְכוּ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין נַשְׁגַ"ז, דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁטָא קַיין מֹחַ; אִיז דִי עֵצָה צוּ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז דֶער עִיקָר דָאס זָאגְן, אַרוֹיסְזָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט

די צַייט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן די וֶוערְטֶער כְּסֵדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.) 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל דָאס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן די וֶוערְטֶער פוּן די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל לֶערְנְט מֶען דָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בְּעִיקָר מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא; זָאג די וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, עֶס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן פוּן די טוּמְאָה אוּן זֻהֲמָה, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי וַוייט מֶען אִיז גֶעפַאלְן, קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְ'ן הֶעלְפְן אַזוֹי גֶעטְרֵייַ אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן דִי פְּלֶעי וָואס בֵּית פֵיגָא טוּט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם זוּמֶער, פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ וּבֶן הַשִּׁפְחָה וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְטוֹישְׁט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא) ; דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה זַאכְן וָואס נָאר מָשִׁיחַ וֶועט מְגַלֶּה זַיין.

וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַזוֹי וַוייט, אַזוֹי וִוי דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גֶעפַאלְן - זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר קֶענֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה.

גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דַיין וַוייבּ פַארְ'ן הֶעלְפְן דִי פְּלֶעי זָאל זַיין מְסוּדָר מִיט אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף.

דִי פְּלֶעי אִיז נָאךְ אַ רִינְג אִין הֲפָצָה ; דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוּמֶען דָאס זֶען אוּן דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן זֶען דִי פְּלֶעי אָפְּגֶעכַאפְּטֶערְהֵייט - וֶועלְן קוּמֶען אַ טְרִיט נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ מְחַזֵּק זַיין ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר זָאל זִיךְ מְזָרֵז זַיין אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ בֶּענְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

...

### זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שֵׁיינֶע וֶועגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

הֶער אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה.

דִי וָואךְ זוּנְטָאג זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער

מִיט זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת; עֶס קוּמְט אֵיינֶער נָאכְן צְוֵוייטְן, יֶעדֶער דֶערְצֵיילְט זַיינֶע וֵוייטָאגְן וְכוּ' וְכוּ', בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט 'וואוּ, וְויפִיל קֶען מֶען הֶערְן?'

דַיין שְׁווִיגֶער אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען, אָבֶער זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ קְרֶעכְצְן, זִי אִיז גֶעקוּמֶען דַאנְקֶען, זִי זָאגְט אַז זַייט דוּ בִּיסְט אַרַיין אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ אִיר לֶעבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוֹישְׁן צוּם גוּטְן, זִי הָאט גֶעוֵויינְט פַאר שִׂמְחָה, וְוי שֵׁיין דוּ אוּן דַיין וַוייבּ פִּירְן זִיךְ אוֹיף צוּ אִיר, אִיר זֶענְט אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד. זִי זָאגְט אַז פוּן וֶוען דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, בִּיסְט אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דִי מִשְׁפָּחָה - הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וְוי דוּ אוּן דַיין וַוייבּ רֶעדְן צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר מַאכְט זִיכֶער צוּ רוּפְן יֶעדְן טָאג - הָאבְּן זֵיי אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן מְכַבֵּד זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ - "שֶׁיְהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", מַאךְ אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פִּיר זִיךְ מִיט גוּטֶע מַעֲשִׂים אַז אַלֶע זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שֵׁיינֶע וֶועגְן וְוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ צוּ טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

...

**דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

זַייט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶס מַאכְט זִיךְ בַּיי אַסַאךְ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא בֵּיידֶע וְכוּ', עֶס וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; אִיר דַארְפְט גָארְנִישְׁט טוּן, וַוארְטְס וֶועט אִיר זֶען וְוי אַלֶעס וֶועט זַיין אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג, זַייט נִישְׁט פַארְ'דַאֲגָה'ט, זַייט פְרֵיילִיךְ.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים; אוֹיף אַייעֶרֶע

לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוֹיף אַייעֶר מַאן אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיר הָאט. ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְס נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען צוּ אִים, אַלְס מֶער שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אִין לֶעבְּן.

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט אַזוֹי זַאט פוּן דֶעם, מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

אַ גְרוּס פוּן אַייעֶר מַאן; אִיךְ זֶע אִים דַאוֶוענֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ זֶע אִים לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים, מַמָּשׁ אַ תַּעֲנוּג אוּן פַארְגֶענוּגְן.

...

## שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן טְרָאגְן עֶסְן אִין שְׁפִּיטָאל פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרְשַׁת עֵקֶב, כ׳ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי מִצְוָה פוּן טְרָאגְן עֶסְן אִין שְׁפִּיטָאל פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה, אַ פְרוֹי הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִיר בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס עֶסְן, אִינְצְוִוישְׁן אִיז זִי אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, וֶוען זִי הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט זֶעט זִי דִי פֵיינֶע וַוארֶעמֶע עֶסְן וָואס אִיר בְּרֶענְגְט פַאר פְרוֹיעֶן אִין שְׁפִּיטָאל; זִי הָאט גֶעוֵויינְט פַאר שִׂמְחָה, זִי הָאט זִיךְ פָּשׁוּט דֶערְקְוִויקְט דָאס הַארְץ.

אַזוֹי זָאגְן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִי עֶסְן וָואס אִיר אוּן אַייעֶר אָרְגָאנִיזַאצְיֶע בְּרֶענְגְט פַאר קִימְפֶּעטָארִינְס.

בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן מְחַיֶ׳ זַיין אִידִישֶׁע מַאמֶעס זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְט אוּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוָה זָאלְן גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן בְּכָל מִילֵּי דְּמֵיטִיב.

...

### הַפָּצָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת ה'תשפ"א

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מִיר הָאבְּן דִי וָואךְ גֶעסְט פוּן יְרוּשָׁלַיִם, דְרֵיי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן בַּיי אוּנְז, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הַנָאָה זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין אִינַאֵיינֶעם; אִיךְ הָאף אַייךְ אַלֶע צוּ זֶען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לֵייגְט אַוֶועק אַלֶע מְנִיעוֹת, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט; דֶער רֶבִּי זָאגְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן - דַארְף מֶען פָאלְגְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן! "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין הֲפָצָה, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן עֶנְק זָאל הָאבְּן עֶפֶּעס אַ חֵלֶק אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי וֶועלְט; הֲפָצָה דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ אִים, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק

מִדְּרָאבִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, אִיז רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ גוּטֶע מַעֲשִׂים טוּט אַייעֶר זוּן רֶבִּי מִיכֶעלֶע זְלָאטְשְׁוּבֶער אַז אוֹיבְן אִין הִימְל מַאכְט מֶען אַזַא רַעַשׁ פוּן אִים?" הָאט דֶער טַאטֶע רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאבִיטְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶר לֵייגְט אַרַיין כֹּחוֹת אִין דַאוֶונֶען וְכוּ'", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "פַאר דֶעם אַלֵיינְס וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט אַזַא רַעַשׁ דָא אִין הִימְל פוּן אִים; אַסַאךְ צַדִּיקִים לֵייגְן אַרַיין כֹּחוֹת אִינֶעם דַאוֶונֶען אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן זֵיי", הָאט דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט: "עֶר לֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג", הָאט אִים רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס קֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דִי סִיבָּה, וַוייל אַסַאךְ צַדִּיקִים לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן פַאר דֶעם אַלֵיינְס רַעַשׁ'ט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "צוּלִיבּ זַיין חֶסֶד אוּן צְדָקָה וְכוּ'", הָאט רַשִׁ"י נָאכְאַלְץ נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶועןְ, בִּיז רֶבִּי יִצְחָק מִדְּרָאבִיטְשׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֶפְשָׁר וַוייל עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶר אִיז עוֹסֵק אִין דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק", הָאט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי חָשׁוּב".

הֲפָצָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן; לָאמִיר זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, לָאמִיר זִיךְ נָאר דֶערְמַאנֶען אֵיין מִינוּט וֶוער מִיר זֶענֶען, וָואס מִיר הָאבְּן אַלְץ גֶעטוּן אוּן וָואס מִיר דַארְפְן אַלְץ פַארְרֶעכְטְן; פַאסְטְן - דָאס אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת, אוּן אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט פַאסְטְן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז) אַז מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, דַארְף מֶען פַאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים; דָאס אִיז וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אֵיין מָאל אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן צֶען מָאל, הוּנְדֶערְט מָאל רַחֲמָנָא לִצְלָן, וִוי קֶען מֶען אֲפִילוּ אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן פוּן פַאסְטְן?! וָואס קֶענֶען מִיר טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן? הֲפָצָה! דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער פַארְרֶעכְט דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

הַפָּצָה בְּרֶענְגְט שֶׁפַע, מוֹהֲרַ״ש זָאגְט: ״וֶוער עֶס גֵייט הֲפָצָה, וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ״; דָאס אִיז אַ פַאקְט, דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים - דִי אַלֶע הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג שֶׁפַע.

אִיךְ וַוארְט אַייךְ צוּ זֶען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

### אוֹיבּ בַּאקוּמְט מֶען נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער, קֶען מֶען אִיבֶּערְפְרֶעגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת עֵקֶב, כ״א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת ה׳תשפ״א ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר קֶענְט שְׁרַייבְּן אַלֶע אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס; מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַ״שׁ - דִי שֵׂכֶל, עֵצוֹת און חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַסַאךְ מָאל וֶוערְט פַארְגֶעסְן דִי בְּרִיוו, פוּן דִי פִיל טִרְדוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳; זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, נָאר מֶען קֶען נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְפְרֶעגְן.

אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ׳ן דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס; רוֹב מֶענְטְשְׁן וֶוענְדְן זִיךְ נָאר מִיט דִי פְּרָאבְּלֶעם, זֵייעֶר וֵוייִנִיג מֶענְטְשְׁן קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### גֵיי מִיט מוֹחִין דְגַדְלוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוֹיף זִיךְ אַ גְרוֹיסֶע קַאר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פְּלַאץ פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; עֶס קָאסְט טַאקֶע מֶער גֶעלְט, אָבֶער עֶס אִיז בִּילִיגֶער וִוי צוּ בַּאצָאלְן פַאר לוֹיעֶרְס אוּן פַאר טִיקֶעטְס.

גֵיי מִיט מוֹחִין דְגַדְלוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מֶען דַארְף הָאבְּן מֶער זְכוּתִים אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ פְרוֹי דַארְף זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אִין דִי חֳדָשִׁים וְכוּ'; וָואס זָאל זַיין אַנְדֶערְשׁ דִי חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וִוי דִי אַנְדֶערֶע צַייטְן? אוֹיבּ עֶפֶּעס דַארְף מֶען אִין דִי חֳדָשִׁים זוּכְן מֶער זְכוּתִים, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לב.) אִין דִי צַייט פוּן גֶעבוֹירְן דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִּיר אַלֶע מַעֲשִׂים, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע זְכוּתִים אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער

גֵיין בְּשָׁלוֹם.

וָואס דַארְפְסְטוּ מֶער פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט (נָשׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דִּתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי, 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דַיינֶע שְׁאֵלוֹת זֶענֶען קְלָאר גֶעשְׁרִיבְּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶנְטְפֶער אוֹיף בֵּיידֶע שְׁאֵלוֹת שְׁטֵייט קְלָאר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כה:

"תַּלְמִיד שֶׁרוֹצֶה לָלֶכֶת לְמָקוֹם אַחֵר, שֶׁהוּא בּוֹטֵחַ שֶׁיִּרְאֶה סִימָן בְּרָכָה בְּתַלְמוּדוֹ לִפְנֵי הָרַב שֶׁשָּׁם, וְאָבִיו מוֹחֶה בּוֹ לְפִי שֶׁדּוֹאֵג שֶׁבְּאוֹתָהּ הָעִיר הָעוֹבְדֵי

כּוֹכָבִים מַעֲלִילִים, אֵינוֹ צָרִיךְ לִשְׁמֹעַ לְאָבִיו בָּזֶה.

הַגָּה, וְכֵן אִם הָאָב מוֹחֶה בַּבֵּן לִשָּׂא אֵיזוֹ אִשָּׁה שֶׁיַּחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן, אֵין צָרִיךְ לִשְׁמֹעַ אֶל הָאָב (מהרי״ק שֹׁרֶשׁ קסו)".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען אַלֶעס מְתַקֵּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְמָרָא, וָואלְסְט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי בְּלַאט גְמָרָא - וָואלְסְטוּ גֶעשְׁפִּירְט גָאר אַנְדֶערְשׁ, וָואלְסְט גֶעשְׁפִּירְט אַ טַעַם אִין לֶעבְּן; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס לֶעבְּן וֶוען מֶען לֶערְנְט גְמָרָא, אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען אַלֶעס מְתַקֵּן.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן מְ׳בָּאבּוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קְדוּשַּׁת צִיּוֹן", עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּחוּרִים אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן פַּאר זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע זֵייעֶרֶע חֲטָאוֹת נְעוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אוּן גֶעבֶּעטְן אַ תִּיקוּן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הָאבְּן אִים דִי בָּחוּרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער, הָאט דֶער בָּאבּוּב׳עֶר רַב זֵיי גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶעזָאגְט אִיר זָאלְט זִיךְ אָפְּבְּרֶענֶען אַייעֶרֶע הֶענְט אוּן מַאכְן גִלְגּוּל שֶׁלֶג וָואלְט אִיר גֶעלָאפְן מִיט שִׂמְחָה דָאס טוּן, אִיר וַוארְט אִיךְ זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַזַא תִּיקוּן? דָא גֶעבּ אִיךְ עֶנְק אַ גְרִינְגֶע תִּיקוּן - אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיז עֶנְק שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען?!" זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן מֶער וִוי אַלֶע סָארְט סִיגוּפִים; וִוי פַארְבְּרֶענֶען דִי הֶענְט אוּן מַאכְן גִלְגּוּל שֶׁלֶג.

אַז דוּ פַּארְרוּפְסְט זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד דַארְפְסְטוּ טוּן וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיים רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכִּתְבֵי רַבֵּינוּ זַ״ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב) : ״בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָּר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, דֶערְפַאר זֶע צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, וַוייל תּוֹרָה וַואשְׁט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מַגִּיהַּ זַיין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ״ה מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט מַגִּיהַּ זַיין דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער; הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר וִויל צַאמְנֶעמֶען דִי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ בִּיכְל פַאר דִי קִינְדֶער.

אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין קִינְדֶער זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת דִקְדֻשָּׁה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אָנְגֵיין וַוייטֶער אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט ווִי קֵיינֶער דַארְף דִיר נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי קֵיינֶער דַארְף דִיר נִישְׁט, קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס - זָאלְסְטוּ נָאר גֶעבְּן אַ טְרַאכְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּה, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַּארְקֶערְט, ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

"וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶונְט אוּן

גֶעבֶּעטְן, אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

מָארְגְן אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל מֻקְדָּם, עֶס אִיז אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה; מִיר וֶועלְן זָאגְן אִינְאֵיינֶעם יוֹם כִּיפּוּר קָטָן אוּם אַכְט אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם וֶועט זַיין דִי שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַלֶע אִידְן, זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**וֶוער דַארְף דִי בְּרִיוו? וָואס שְׁטֵייט דֶען אִין דִי בְּרִיוו?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶענוּג בְּרִיוו אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן אַ קוּנְטְרֵס פַאר דִי וָואךְ.

עֶס אִיז מִיר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אִין קָאפּ אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט שְׁרַייבְּן; אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'וֶוער דַארְף דִי בְּרִיוו? וָואס שְׁטֵייט דֶען אִין דִי בְּרִיוו?' אַזֶעלְכֶע נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעוָואלְט אַוֶועק שְׁטוּפְּן אִיז מִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען דָאס שְׁרַייבְּן; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶערְוַוייל אִיז דִי וָואךְ אַרִיבֶּער אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג בְּרִיוו.

בִּיז אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט מִיר דֶערְמִיט אַזוֹי גֶעעֶפְנְט מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט; עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶר ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶּער עֶר קֶען נִישְׁט. דֶער בְּרִיוו הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ וֶועק אוֹיף, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט: 'אוֹי וַויי, אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים גֵייעְן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי בֶּעטְן חִיזוּק אוּן אִיךְ זִיץ מִיט פַּארְלֵייגְטֶע הֶענְט?' אִיךְ שִׁיק דִיר דִי שְׁאֵלָה פוּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן דִי תְּשׁוּבָה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלְץ כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן וַוייטֶער אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי בְּרִיוו; סַיי דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע אוּן סַיי דִי סְפָרִים. מֶען מוּז רַאטֶעוֶוען נָאךְ אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, זֵיי גֶעבְּן חִיזוּק, זֵיי מוּטִיגְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיי דִי אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַ תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן דִי תְּפִלָּה דֶערוֹיף צוּ זָאגְן אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל מֻקְדָּם, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן קמא) וָואס רֶעדְט פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה פוּן לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת (תְּפִלָּה פ"ה); דָאס וֶועט עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה:

"אִם יִזְכֶּה שֶׁיַּרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאָיו הַיְנוּ כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבוֹ. כִּי כָּל זְמַן שֶׁלִּבּוֹ עָרֵל וְאָטוּם, אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת, רַק כְּשֶׁיָּמוּל אֶת עָרְלַת

לְבָבוֹ, וְיִהְיֶה לוֹ חָלָל בַּלֵּב, וַאֲזַי יַרְגִּישׁ לְבָבוֹ בֶּאֱמֶת גֹּדֶל כְּאֵבוֹ, וְיִצְטַעֵר וְיִתְחָרֵט בֶּאֱמֶת. וַאֲזַי מִגֹּדֶל הַחֲרָטָה, יַרְגִּישׁוּ גַּם כָּל הַלְּבָבוֹת שֶׁל כָּל הַטִּפּוֹת שֶׁנִּמְשְׁכוּ מִמֶּנּוּ, וּלְכָל מָקוֹם שֶׁנִּמְשְׁכוּ, יַרְגִּישׁוּ שָׁם בַּמָּקוֹם שֶׁהֵם, הֵן אוֹתָם שֶׁנִּמְשְׁכוּ מִמֶּנּוּ וְנִתְהַווּ מֵהֶם בָּנָיו מִמִּין בְּנֵי אָדָם, וְהֵן אוֹתָם שֶׁנִּמְשְׁכוּ מִמֶּנּוּ לְמָקוֹם אַחֵר חַס וְשָׁלוֹם, וְגַם שָׁם יֵשׁ לָהֶם לֵב וּשְׁאָר אֵיבָרִים. וַאֲזַי כְּשֶׁיָּמוּל אֶת לְבָבוֹ, וְיַרְגִּישׁ לְבָבוֹ גֹּדֶל כְּאֵבוֹ, וְיַתְחִיל לְהִצְטַעֵר וּלְהִתְחָרֵט בֶּאֱמֶת, אֲזַי יַרְגִּישׁוּ שָׁם כָּל הַלְּבָבוֹת שֶׁל הַטִּפּוֹת, וְיִתְוַדַּע לָהֶם הָאֱמֶת הָאֵיךְ הֵם מֻטָּלִים בִּמְקוֹם טְנוּפוֹת בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּית. כִּי מִתְּחִלָּה נִדְמֶה לָהֶם שֶׁטּוֹב לָהֶם, כִּי הֵן מַזִּיקֵי עָלְמָא. רַק אַחַר כָּךְ כְּשֶׁנִּמּוֹל לְבָבָם, עַל יְדֵי שֶׁנִּמּוֹל לְבַב אֲבִיהֶם, אֲזַי מַרְגִּישִׁין הֵיכָן הֵם, וּמַתְחִילִין לְקוֹנֵן וּלְהִצְטַעֵר, וְנַעֲשֶׂה שָׁם רַעַשׁ גָּדוֹל בֵּינֵיהֶם. וְזֶהוּ (דְּבָרִים ל) 'וּמָל הוי"ה אֶת לְבָבְךָ, וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ', הַיְנוּ כְּשֶׁיָּמוּל ה' אֶת לְבָבוֹ, יָמוּל גַּם לְבַב זַרְעוֹ. וּלְהֵיכָן שֶׁנִּמְשַׁךְ הַזֶּרַע, הֵן לְמִין בְּנֵי אָדָם, אֲזַי מְחֻיָּבִים בָּנָיו שֶׁיַּרְגִּישׁוּ גַּם כֵּן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה עַל יְדֵי שֶׁנִּמּוֹל לְבַב אֲבִיהֶם. וְכֵן אִם נִמְשַׁךְ לְמָקוֹם אַחֵר חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי יִמּוֹלוּ שָׁם הַלְּבָבוֹת וְיַרְגִּישׁוּ כַּנַּ"ל.

וְהַזְּמַן הַמְּסֻגָּל לָזֶה הוּא חֹדֶשׁ אֱלוּל, כִּי אֱלוּל רָאשֵׁי תֵּבוֹת אֶ'ת לְ'בָבְךָ וְ'אֶת לְ'בַב. הַיְנוּ שֶׁיָּמוּל ה' אֶת לְבָבוֹ וְאֶת לְבַב סְתָם הַתָּלוּי בּוֹ, לְהֵיכָן שֶׁנִּמְשָׁךְ כַּנַּ"ל. הַיְנוּ הַלֵּב שֶׁל הַטִּפּוֹת לְאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁנִּמְשְׁכוּ, אִם שֶׁנִּמְשְׁכוּ וְנִתְהַוּוּ מֵהֶם בָּנָיו מִין בְּנֵי אָדָם, וְהֵן שֶׁנִּמְשְׁכוּ, חַס וְשָׁלוֹם, לְמָקוֹם אַחֵר וְגַם הֵם בָּנָיו, וְהֵם תְּלוּיִים בּוֹ. וְעַל כֵּן כְּשֶׁנִּפְטַר הָאָדָם הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם, אַךְ שֶׁזֶּה שֶׁהֵם הוֹלְכִים וּמְקוֹנְנִים אַחֲרָיו, הוּא לוֹ לְבִזָּיוֹן וּלְחֶרְפָּה גְּדוֹלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִצְלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ כַּיָּדוּעַ".

תְּפִלָּה פ"ה, וָואס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקַי וֵאלֹקֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתַּעַזְרֵנִי וְתוֹשִׁיעֵנוּ וּתְזַכֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וּבַחֲסָדֶיךָ הָעֲצוּמִים, שֶׁאֶזְכֶּה מְהֵרָה לְהַרְגִּישׁ בֶּאֱמֶת כְּאֵב חֲטָאַי וַעֲווֹנוֹתַי וּפְשָׁעַי הָרַבִּים וְהַגְּדוֹלִים וְהָעֲצוּמִים מְאֹד מְאֹד עַד גָּבְהֵי שְׁמֵי שָׁמַיִם, וְעָמְקוּ מִתְּהוֹם רַבָּה וְכָבְדוּ מֵחוֹל יַמִּים, וְרַבּוּ מֵעֲפַר הָאָרֶץ, וְעָצְמוּ מִשַּׂעֲרוֹת רֹאשֵׁינוּ, וְגָבְהוּ מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפֵּנוּ וּבִפְרָט הַחֲטָאִים שֶׁל פְּגַם הַבְּרִית, פְּגַם טִפֵּי הַמֹּחַ שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי לְבַטָּלָה בְּשׁוֹגֵג וּבְמֵזִיד בְּאֹנֶס וּבְרָצוֹן, אֲשֶׁר אִם הָיִיתִי

מַתְחִיל לְהַרְגִּישׁ עֹצֶם הַכְּאֵב שֶׁל הַפְּגַם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא הַזֶּה, אֵינִי יוֹדֵעַ אִם הָיִיתִי יָכוֹל לִחְיוֹת אֲפִלּוּ שָׁעָה אַחַת, כַּאֲשֶׁר הוֹדַעְתָּ לָנוּ עַל יְדֵי צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים עֹצֶם הַפְּגַם הַזֶּה, אֲשֶׁר עַל יְדֵי זֶה מַאֲרִיכִין חֻרְבַּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וּמְעַכְּבִין הַגְּאֻלָּה וּמוֹרִידִין אֶת הַשְּׁכִינָה בַּגָּלוּת חַס וְשָׁלוֹם, וּמַמְשִׁיכִין נְשָׁמוֹת עַרְטִלָּאִין בִּמְדוֹר הַקְּלִפּוֹת, וְנִבְרָאִין מִכָּל טִפָּה וְטִפָּה מַזִּיקֵי עָלְמָא רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִצְלָן, וּשְׁאָר פְּגָמִים עֲצוּמִים וְנוֹרָאִים הַנַּעֲשִׂים עַל יְדֵי זֶה, כִּי כָּל הַתּוֹרָה תְּלוּיָה בְּתִקּוּן הַבְּרִית שֶׁהוּא יְסוֹד הַכֹּל, וּבֶעָוֹן זֶה פּוֹגְמִין בְּכָל הַכ"ב אַתְוָן דְּאוֹרַיְיתָא שֶׁהַטִּפָּה כְּלוּלָה מֵהֶם וְכוּ' וְכוּ', וּבֶאֱמֶת לִבִּי אָטוּם וּמְבֻלְבָּל וּמְעֻקָּם כָּל כָּךְ עַד שֶׁאֵינִי מַרְגִּישׁ כְּלָל כְּאֵב עֲווֹנוֹתַי הָעֲצוּמִים וְהָרַבִּים וְהַגְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד, אֲפִלּוּ כְּשֶׁאֲנִי מְדַבֵּר מֵהֶם אוֹי לִי וַי לִי, אוֹי לִי וַי לִי, וְאִם אוֹמַר אֶלֶף פְּעָמִים אוֹי לִי וַי לִי, עֲדַיִן אֵינִי מַרְגִּישׁ כְּלָל מָה אוֹמַר מָה אֲדַבֵּר, מָה אֶתְאוֹנֵן מָה אוֹמַר מָה אֲדַבֵּר מָה אֶצְטַדָּק, אַךְ אַתָּה מְרַחֵם עַל כָּל בָּשָׂר וְאַתָּה צוֹפֶה וּמַבִּיט עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת וְאַתָּה עָתִיד לְתַקֵּן אוֹתָנוּ כֻּלָּנוּ כַּאֲשֶׁר הִבְטַחְתָּנוּ, עַל־כֵּן שִׁטַּחְתִּי אֵלֶיךָ כַּפַּי, גּוֹאֵל חָזָק הֱיֵה בְּעֶזְרִי וְלַמְּדֵנִי וְהוֹרֵנִי בְּכָל עֵת, בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ בְּאֵיזֶה אֹפֶן אֶזְכֶּה לָשׁוּב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת, מֵרַע לְטוֹב מִמָּוֶת לְחַיִּים, כִּי מַר לִי מְאֹד.

אָבִי יוֹצְרִי וְגוֹאֲלִי וּפוֹדִי, עָזְרֵנִי וְהוֹשִׁיעֵנִי חִישׁ קַל מְהֵרָה שֶׁאֶזְכֶּה לָשׁוּב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם וּמוֹל אֶת עָרְלַת לִבִּי הָרָע, וְתִפְתַּח אֶת לִבִּי בְּאֹפֶן שֶׁאֶזְכֶּה לְהַרְגִּישׁ כְּאֵב וּמַכְאוֹב עֲווֹנוֹתַי הָעֲצוּמִים עַד שֶׁאֶזְכֶּה לִצְעֹק מִן הַלֵּב זְעָקָה גְּדוֹלָה וּמָרָה כְּמוֹ שֶׁרָאוּי לִי לִזְעֹק וְלִצְעֹק עַל עֲווֹנוֹת רַבִּים וּגְדוֹלִים כָּאֵלֶּה אוֹי אוֹי אוֹי, וְאֶזְעַק וְאֶצְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם בְּלֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה מִקִּירוֹת הַלֵּב, עַד שֶׁיַּרְגִּישׁוּ גַּם כָּל הַלְּבָבוֹת שֶׁל כָּל הַטִּפּוֹת שֶׁנִּמְשְׁכוּ מִמֶּנִּי לְכָל מָקוֹם שֶׁנִּמְשְׁכוּ, הֵן אוֹתָן הַטִּפּוֹת שֶׁנִּמְשְׁכוּ בְּהֶתֵּר וְנִתְהַוּוּ מֵהֶם בָּנַי שֶׁיִּחְיוּ לְאֹרֶךְ יָמִים וְשָׁנִים טוֹבִים, הֵן לְהַבְדִּיל אוֹתָן הַטִּפּוֹת שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי לְבַטָּלָה בְּשׁוֹגֵג אוֹ בְּמֵזִיד, וְנַעֲשָׂה מִכָּל טִפָּה וְטִפָּה מַה שֶּׁנַּעֲשָׂה אוֹי לִי וַי לִי, וְכֻלָּם יִהְיֶה נִמּוֹל לְבָבָם, וְיַרְגִּישׁוּ כֻּלָּם בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם אֶת עֹצֶם כְּאֵבָם וְצַעֲרָם וְהֵיכָן הֵם מֻנָּחִים בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת בִּמְקוֹמוֹת הַמְּטֻנָּפִים שֶׁלֹּא נִתַּן לְהִזָּכֵר וִיהִיֶה נַעֲשֶׂה רַעַשׁ גָּדוֹל בֵּינֵיהֶם, וְיִתְעוֹרְרוּ כֻּלָּם לָשׁוּב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת וְיַתְחִילוּ לְהִתְגַּעְגֵּעַ וּלְהִצְטַעֵר וְלִכְסֹף בֶּאֱמֶת לְהִתְתַּקֵּן וְלָשׁוּב אֶל יְהֹוָה בֶּאֱמֶת עַד שֶׁתִּתְעוֹרֵר רַחֲמֶיךָ

הַטּוֹבִים, רַחֲמֶיךָ הַגְּנוּזִים, רַחֲמֶיךָ הַפְּשׁוּטִים, רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, עָלַי וַעֲלֵיהֶם וְתַעֲסֹק בְּתִקּוּנֵנוּ, וְתִגְאָלֵנוּ מְהֵרָה מִבְּאֵר שַׁחַת מִטִּיט הַיָּוֵן וּמִכָּל מְקוֹמוֹת הַמְּטֻנָּפִים וְהַמְקֻלְקָלִים מִכֻּלָּם תִּגְאָלֵנוּ וְתִפְדֵּנוּ וְתוֹצִיאֵנוּ לְשָׁלוֹם וּתְתַקְּנֵנוּ וְיָשִׁיב הַמֶּלֶךְ אֶת נִדָּחָיו מְהֵרָה, כִּי אַתָּה חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבַל יִדַּח מִמְּךָ נִדָּח וּמֹל אֶת לְבָבֵינוּ לְאַהֲבָה אֶת שְׁמֶךָ, כְּמָה שֶׁכָּתוּב: 'וּמָל ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת לְבָבְךָ וְאֶת לְבַב זַרְעֶךָ לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ לְמַעַן חַיֶּיךָ'.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵל חַי חֶלְקֵנוּ צוּרֵנוּ צַוֵּה לְהַצִּיל יְדִידוּת שְׁאֵרֵינוּ מִשַּׁחַת לְמַעַן בְּרִיתְךָ אֲשֶׁר שַׂמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ, זַכֵּנִי מְהֵרָה לָמוּל אֶת עָרְלַת לְבָבִי וּלְבַב זַרְעִי, וּבִפְרָט בִּימֵי אֱלוּל הַקְּדוֹשִׁים זַכֵּנִי מֵעַתָּה שֶׁאֶזְכֶּה לְהָכִין עַצְמִי בֶּאֱמֶת, בְּאֹפֶן שֶׁאֶזְכֶּה בִּימֵי אֱלוּל הַקְּדוֹשִׁים שֶׁיִּהְיֶה נִמּוֹל בִּשְׁלֵמוּת לְבָבִי וּלְבַב זַרְעִי בֶּאֱמֶת, עַד שֶׁאֶזְכֶּה בַּחַיִּים חַיּוּתִי שֶׁיְּתַקְּנוּ אוֹתִי הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים בִּשְׁלֵמוּת אוֹתִי וְאֶת זַרְעִי וְאֶת כָּל הַתְּלוּיִים בִּי לְמַעַן לֹא אֵבוֹשׁ וְלֹא אֶכָּלֵם וְלֹא אֶכָּשֵׁל לְעוֹלָם וָעֶד וְלֹא אֵעוֹל בְּכִסּוּפָא קַמָּךְ, וְלֹא יִהְיֶה כֹּחַ לְהַחַטָּאת לִרְבּוֹץ עַל פֶּתַח קִבְרִי חַס וְשָׁלוֹם, רַק אֶזְכֶּה לְתַקֵּן הַכֹּל בַּחַיִּים חַיּוּתִי, בְּכֹחַ וּזְכוּת הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים, כִּי אֵין לִי שׁוּם תִּקְוָה וּסְמִיכָה כִּי אִם עֲלֵיהֶם לְבַד, וּבְכֹחָם וְהַבְטָחָתָם אָנוּ מְצַפִּים עֲדַיִן לְכָל טוּב.

מָלֵא רַחֲמִים חוּס וְרַחֵם עָלַי וְהַצִּילֵנִי מֵחֶרְפּוֹת וּבִזְיוֹנוֹת, שֶׁלֹּא יִהְיֶה כֹּחַ לְשׁוּם מַזִּיק וּמַשְׁחִית לְהִתְקָרֵב אֵלַי בְּעֵת מִיתָתִי וְלֹא יֵלְכוּ אַחַר מִטָּתִי חַס וְשָׁלוֹם, רַק בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים תְּגָרְשֵׁם מִמֶּנִּי וּתְבַטְּלֵם בְּבִטּוּל גָּמוּר מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם וְתָחוּס עָלַי בְּחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה וּבַחֲנִינוֹתֶיךָ הָעֲצוּמִים, שֶׁאֶזְכֶּה לְתַקֵּן בְּחַיַּי אֶת כָּל אֲשֶׁר שִׁחַתִּי, וְתָחוּס וְתִמְחֹל וְתִסְלַח לִי עַל הַכֹּל בַּחַיִּים חַיּוּתִי, בְּאֹפֶן שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָלַי שׁוּם דִּין וּמִשְׁפָּט אַחַר כַּךְ אִם אָמְנָם יָדַעְתִּי בֶּאֱמֶת כִּי אֲנִי רָחוֹק מִישׁוּעָה כָּזֹאת, כִּי בַּמֶּה יִזְכֶּה נַעַר כְּמוֹנִי לָזֶה, אַךְ עַל רַחֲמֶיךָ הָרַבִּים אֲנִי בוֹטֵחַ, וְעַל חַסְדְּךָ אֲנִי נִשְׁעָן וְלִסְלִיחוֹתֶיךָ אֲנִי מְקַוֶּה, וְלִישׁוּעָתְךָ אֲנִי מְצַפֶּה, בְּכֹחַ וּזְכוּת הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּבִזְכוּת כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר עֲלֵיהֶם אָנוּ נִשְׁעָנִים, בָּהֶם תָּמַכְתִּי יְתֵדוֹתַי לִשְׁאֹל כָּל אֵלֶּה מִלְּפָנֶיךָ, עַל כֵּן עֲדַיִן אֲנִי עוֹמֵד וּמְצַפֶּה וּמְקַוֶּה וּמְיַחֵל לִישׁוּעָתְךָ הַגְּדוֹלָה שֶׁאֶזְכֶּה מְהֵרָה לְכָל מַה שֶּׁבִּקַּשְׁתִּי מִלְּפָנֶיךָ כִּי אַתָּה צוֹפֶה לָרָשָׁע וְחָפֵץ בְּהִצָּדְקוֹ, וְאִם אֲנִי מִתְמַהְמֵהַּ

הַרְבֵּה לָשׁוּב, וְעוֹד הוֹסַפְתִּי קִלְקוּלִים וַעֲווֹנוֹת הַרְבֵּה גְּדוֹלִים וַעֲצוּמִים בְּכָל יוֹם, אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן אֲנִי מְחַכֶּה בְּכָל יוֹם שֶׁיָּבֹא גְאֻלָּתִי וּפְדוּת נַפְשִׁי, שֶׁאֶזְכֶּה מְהֵרָה לְהִתְעוֹרֵר מִשְּׁנָתִי וְלָקוּם מִנְּפִילָתִי וְלַעֲמֹד מִירִידָתִי וְלִחְיוֹת מִמִּיתָתִי וְלָשׁוּב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת אֲנִי וְזַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי וְכָל זֶרַע עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## עֶר אִיז אַ וואוֹילֶער אוּן אַן עֶרְלִיכֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת רְאֵה, כ"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם שִׁידוּךְ פוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר אִיז אַ גָאלְדֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת. אוֹיךְ אִיז עֶר זֵייעֶר אַ וַוארֶעמֶער, אַ הַארְצִיגֶער, מַמָּשׁ פִּיטֶער, מַמָּשׁ נִישְׁטָא אַזֶעלְכֶע וֵוייכֶע גוּטֶע מֶענְטְשְׁן; עֶר אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר טֵייעֶר, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ.

עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ; עֶר ווִיל אַ חֲסִידִי'שֶׁע שְׁטוּבּ, גֵייט אַרוֹיס רֶעדְן מִיט אִים וֶועט אִיר זִיךְ אַלֶעס אַלֵיינְס אִיבֶּערְצֵייגְן, ווִי טֵייעֶר עֶר אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר, נִישְׁט נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת רְאֵה - מְבָרְכִים אֱלוּל, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶער חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ שְׁאֵלָה אוּן תְּשׁוּבָה וָואס אִיר אַלֶע וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן אוּן בַּאקוּמֶען חִיזוּק דֶערְפוּן.

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַבִּיסְל חִיזוּק וֶועגְן אוּמַאן, עֶס הֵייבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וֶועגְן פָארְן אִין אוּמַן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעמֶען דִי בִּלְבּוּלִים אִין קָאפּ: 'יָא קֶענֶען פָארְן, נִישְׁט קֶענֶען פָארְן', אִיךְ וֶועל עֶס נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען פָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט דִי גַאנְצֶע יָאר ווִי עֶס פֶאלְט אַרָאפּ שְׁטִיקֶער בְּרֶסְלֶב פוּן מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מִיט מִיר אוֹיבּ גֵיי אִיךְ נִישְׁט פָארְן, עֶס שְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט.

אִיךְ בֶּעט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר צוּרִיק שִׁיקְן אַ בְּרִיוו; דִי חִיזוּק אִיז נִישְׁט נָאר פַאר מִיר נָאר פַאר נָאךְ אַסַאךְ אִידְן וָואס ווִילְן זַיין דִי יָאר אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

פוּן אַייעֶר תַּלְמִיד ... וָואס בֶּענְקְט זִיךְ זֵייעֶר.

דָאס אִיז דִי תְּשׁוּבָה:

מִיר אַלֶע הָאפְן, בֶּענְקֶען אוּן וַוארְטְן צוּ קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר בֶּעטְן אַלֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְץ יָאר יֶעדְן טָאג מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים; מִיר גְלֵייבְּן אַז מִיר וֶועלְן זַיין דִי יָאר אִין אוּמַאן.

דָאס וָואס הָאט פַּאסִירְט פַארְיָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ"א, אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דִי גְרֶענִיצְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אוּנְז אַלֶע. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן

גֶעטוּן זֵייעֶר ווילְדֶע זַאכְן, בֶּאֱמֶת ווילְדֶע זַאכְן, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אָנְצוּקוּמֶען קַיין אוּמַאן דוּרְךְ יֶעדֶע וֶועג וָואס אִיז נָאר שַׁיָּיךְ, רוּבָּא דְרוּבָּא זֶענֶען לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן, אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן יָא גֶעקֶענְט זַיין דָארְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, אָבֶּער דִי וָואס לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דִי וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דִי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, דִי זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן דֶערְהוֹיבְּן אַז מֶען הָאט גֶעטוּן אַלֶעס וָואס מִיר קֶענֶען טוּן, מֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען דֶערְקְלַאפְּט; דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דֶערְקֶענְט וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; דִי וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דִי וָואס נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - דִי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר קָבוּעַ אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר. "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו, רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן"; וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּאקוּמְט מֶען אַזַא יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן זַיין צוּפְרִידְן, מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס מֶען שְׁפִּירְט, מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי'ן וָואס מֶען שְׁפִּירְט.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א): "וָואס אִיז דָאס 'כִּי אֲנִי' אִיךְ ווייס? עֶס דַארְף שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, וָואס אִיז דָאס 'כִּי אֲנִי' אִיךְ ווייס? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר

לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִילוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִילוּ פַאר זִיךְ אַלֵיינְס קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָּדוֹל ה'", אִיךְ וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס, "אֲנִי יָדַעְתִּי דַּיְקָא", אִיךְ פַאר מִיר וֵוייס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס אוּן עֶר פִירְט דֶער וֶועלְט אוּן עֶר הֶערְט מִיר אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ – "כָּל חַד, לְפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ", יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סֵפֶר הַמִּידוֹת, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין דִי לִיכְטִיגֶע סְפָרִים אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען תַּמְצִיּוֹת פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס ווערְטֶער, עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ וֶועלְט, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט שְׁפִּירְן וִוי עֶס פַאלְט שְׁטִיקֶער פוּן דִיר, דוּ וֶועסְט נִישְׁט שְׁפִּירְן צֶעהַאקְט אוּן צֶעבְרָאכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אוֹיבְן אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז צֶעבְרָאכְן אוּן לֶערְנְט נִישְׁט אֲשֶׁר בַּנַּחַל; וֶוער עֶס לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל – דֶער דַארְף שׁוֹין קֵיינֶעם, עֶר ווִיל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן נָאר ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן, אַז מֶען קֶען פָארְן – פָארְט עֶר מִיט שִׂמְחָה, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט פָארְן – אִיז עֶר וַוייטֶער זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; נִישְׁטָא בַּיי אִים זַיין אוֹיסֶער זִיךְ אַז דָאס גֵייט נִישְׁט אוּן יֶענְץ גֵייט נִישְׁט.

מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְיָאר אִינְאֵיינֶעם תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעזֶען בַּיי קֵיינֶעם קַיין שׁוּם עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, יֶעדֶער

אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי דֶער רֶבִּי אִיז מִיט אִים, ווייל אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און מֶען טוּט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט - אִיז נִישְׁטָא קַיין פַאַרלוֹירְנְקֵייט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער מִיט אַלֶע אִידְן"; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיט תְּפִלָּה וֶועט מֶען עֶס פּוֹעֵל'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אַלֶע אַרוֹיסְנֶעמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם בְּרִיוו, וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אַ גַאנְץ יָאר, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע שַׁיְיכוּת וָואס מֶען הָאט אִיז זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען וִוי עֶס פַאלְט שְׁטִיקֶער וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען הָאט שַׁיְיכוּת אַ גַאנְץ יָאר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן - וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פֶּאר קִינְדֶער

## רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְן נָאר פוּן גוּטֶע זַאכְן, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם גֶעדַאנְק דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעפַּארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי טֶעג פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעפַּארְבְּט דִי שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד הָאט גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט. אוֹיפְ'ן וַואנְט אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶעם גְרוֹיסְן זֵייגֶער, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס מִיט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדֶעקְן דִי זֵייגֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ טִיכְל אוֹיפְ'ן זֵייגֶער.



נִישְׁט מִיט אַ טִיכְל זָאלְסְטוּ דָאס צוּדֶעקְן

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען מִיט וָואס עֶר דֶעקְט צוּ דִי זֵייגֶער, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״מִיט אַ פְרוֹיעֶן טִיכְל דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דֶעם זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ טִיכְל הֵייבְּן זֵיי שׂוֹין אָן טְרַאכְטְן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, נִישְׁט מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ דָאס צוּדֶעקְן״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי

מַעֲשֶׂה ווי שְׁטַארְק מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען קוּקְט אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; וַוייל נָאר אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

בעזהשי"ת

# קרן הדפסה לאדענט אייך איין צו ווערן א ברסלב פריים מעמבער!




**אויפן פארלאנג פונעם ציבור אנשי שלומינו,**
**האט קרן הדפסה איינגעפעדעמט א נייע פריים מעמבערשיפ פראגראם,**
**וואס וועט צושטעלן א געוואלד מיט נוצבארע בענעפיטן:**

צום ערשט:

**באקומט "אלע" וועכענטליכע אידישע גליונות און קונטרסים פון היכל הקודש**

אריינגערעכענט די וואס מען אפערט נישט דערפאר קיין סובסקריבשאנס, אזוי אויך די וואס וועלן ארויסקומען בעז"ה אין די צוקונפט.

עקסטערע באנוס:

**אנלימיטעד 10% דיסקאונט אין ברסלב סענטער אנליין געשעפט**

אריינגערעכענט הונדערטע ספרים, קונטרים, אויף אידיש, ענגליש און לשון הקודש, סידיס צו הערן און צו זען, און נאך אסאך.

ועל כולם:

**PRIME HOME DELIVERY SERVICE**
**פריים דעליווערי סערוויס:**

באקומט אלעס "צום טיר" מיט פערזעליכע סערוויס אויף א גאלדענעם טאץ - דאס שנעלסטע וואס מעגליך.

**די פרייז צו ווערן א פריים מעמבער איז $24.99 א וואך**

**רופט שוין 718-387-2691 עקסטענשאן 3**



בס"ד
בשורה טובה ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
subscribe@kerenhadfusa.org אדער שיקט א אימעיל צו:
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com